# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

שמיני תשפ"א
גליון 37

## דער ריינער קוועל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דוּרְכְגֵיין אַזַא שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, זִיךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֶסְן חָמֵץ אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת אוּן אַלֶע מִצְווֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב. ר' נַחְמָן טְשֶׁעהְרִינֶער פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער יוֹם טוֹב אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער דֶער יוֹם טוֹב אִיז אַרֵיין!".

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין גָאר דֶערְהוֹיבֶּענֶע טֶעג פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וָואס דִי גַאנְצֶע מִצְוָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי. עֶס וֶוערְט אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת וֶועגְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סְפִירָה וְוִיאַזוֹי דָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אוּנְז אַלֶע אוֹיף לְמַעֲשֶׂה צוּ דִינֶען מִיט דֶעם דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מִיר וֶועלְן נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה פוּן אַ בַּאוואוּסְטֶע הֲלָכָה (חֹשֶׁן מִשְׁפָּט הִלְכוֹת פִּקָּדוֹן ד') וואוּ ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי תּוֹרָה ער"ב (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קַמָּא) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הַאלְטְן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג! סַיי אִין פַּרְנָסָה אוּן אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן הַיינְט אוֹיף מָארְגְן. אַזוֹי אוֹיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זָאל דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְטְן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אוּן דִי שָׁעָה וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ יֶעצְט.

וַוייל וֶוען מֶען וִויל אַרֵיין גֵיין אִין עֲבוֹדַת ה' דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר שְׁלֶעפְּט אַ שְׁוֶוערְן מַשָּׂא, אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען נֶעמְט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וֶועט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין לַאסְט.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן זָאגְן: "מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, מָארְגְן וֶועל אִיךְ מִיר נֶעמֶען צוּם לֶערְנֶען א.ד.ג וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אוּן דֶעם שָׁעָה וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט. דֶער מָארְגְנְדִיגֶער טָאג אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶער וֶועלְט אִינְגַאנְצְן. דָאס מֵיינְט "**הַיּוֹם - דַּוְקָא הַיינְט**"

דָאס אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר אַז גְלַייךְ בַּיים אָנְהֵייבּ טָאג רוּפְט מֶען אוֹיס: "הַיּוֹם! הַיינְט אִיז אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל טָאג צוּם עֹמֶר" דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג טְרֶעפְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָן מִיט שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן מְנִיעוֹת. הַיינְט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, הַיינְט הָאבּ אִיךְ אַ בַּר-מִצְוָה אָדֶער אַ חֲתוּנָה א.ד.ג. דִי טָאג רֶעכְן אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פַאר אַ טָאג. עֶס וֶועט שׁוֹין מִמֵּילָא אַרִיבֶּער גֵיין מִיט גָארְנִישְׁט.

זָאגְט ר' נָתָן נֵיין! **הַיּוֹם!** - דֶער הַיינְטִיגְן טָאג אִיז אוֹיךְ אַ טָאג, עֶס אִיז בְּוַודַאי יָא דָא אַסַאךְ אַסַאךְ גוּטְס בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם טָאג, נָאר עֶס אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט וָואלְקֶענֶעס אוּן טִינְקְלְקֵייט, אָבֶּער אַז מֶען וֶועט זִיךְ עַקְשֶׁנֶ'ען אוּן גְלֵייבְּן אִין דֶעם טָאג וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרֵיינְכַאפְּן אַסַאךְ טוֹב אִין דֶעם טָאג.

רֶ' נָתָן בֶּעט זִיךְ אִין תְּפִלָּה ל"ו (חֵלֶק שֵׁנִי) אַזוֹי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן יֶעדֶע מִצְוָה אוּן מִצְוָה וְוִי גְרוֹיס אִיז אִיר כֹּחַ אוּנְז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן אַלֶע מְקוֹמוֹת וואוּ מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אוּן אוּנְז צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּ דִיר. בִּפְרָט דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וָואס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה וָואס אִיז דֶער אָנְהֵייבּ הִתְקָרְבוּת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם טַאטְן אִין הִימְל. הֶעלְף מִיר מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טֻמְאָה אוּן אַרֵיינְגֵיין אִין נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי הַקְּדוּשָּׁה.

המשך אויף זייט 4

# דעם רבי'נס לייט

לִכְבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶועלְכֶע אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דִי וָואךְ כ"ו נִיסָן בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶס הָאט פַארְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת. אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ וֶועלְטְ'ס חַזָן מִיטְן נָאמֶען ר' יַעֲקֹב סָארָאקָא ז"ל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער חֲסִידִישֶׁער אִיד, מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן ווַייטְנְס הֶערְן זַיין דַאוֶוענֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין שְׁטָאט אוּמַאן. אָבֶּער וֶוען ר' נַחְמָן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער קְלוֹיז פְלֶעגְן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַוֶּועקְגֵיין פוּן שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל צוּ הֶערְן ר' נַחְמֶן'ס דַאוֶוענֶען וָואס אִיז גְרַאדֶע נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עֶקְסְטֶערֶע שֵׁיינֶע חַזָנוּת שְׁטִיקְלֶעךְ, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דַאוֶוענֶען מִיט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת אוּן הַארְצִיגֶע בְּכִיּוֹת וָואס הָאט מוֹרָא'דִיג מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דִי הֶערְצֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דִי מַעֲשֶׂה אַרוּם דֶעם ווִיאַזוֹי ווִי ר' נַחְמָן הָאט בַּאקוּמֶען אַ קוֹל נְגִינָה צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד אִיז גֶעוֶוען וֶוען ר' נָתָן אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער קֵיין לִיפִּיוֶועץ אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח צוּ אַ שָׁלוֹם-זָכָר פוּן אֵיינֶער אַ בַּאקַאנְטֶער פוּן ר' נָתָן, בַּיי דִי שָׁלוֹם-זָכָר אִיז גֶעזֶעסְן אַ בַּאוואוּסְטֶער חַזָן וָואס הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען, ר' נָתָן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִינְגֶען אַ לִידְל לִכְבוֹד שַׁבָּת. דֶער חַזָן וָואס הָאט בַּאלַאנְגְט צוּ דִי מִתְנַגְדִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט ר' נָתָן, הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן זִינְגֶען, מִיטְן חֶשְׁבּוֹן אוֹיפְצוּרֶעגְן ר' נָתָן, הָאט ר' נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: זִינְג דוּ! אוּן ר' נַחְמָן הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זִינְגֶען מִיט אַן אַנְגֶענֶעמֶע זִיסֶע שְׁטִימֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער פַאר יֶעדְן אוֹיעֶר צוּ הֶערְן. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זִינְגֶען הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּ קֶענְסְט שֵׁיין זִינְגֶען!" אוּן יֶענֶער חַזָן אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אַנְטְקֶעגְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעזֶעסְן.

דֶער טְשֶׁעהְרִינֶ'ער רַב הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט ר' נַחְמָן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, עֶר הָאט בִּכְלָל נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קוֹל נְגִינָה, נָאר פוּן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען בַּיי ר' נָתָנְ'ס טִישׁ דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטֶער שַׁבָּת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי נְגִינָה גֶעפִיל בְּמַתָּנָה.




ר' נָתָן הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּשִׁיקְן צוּם עָמוּד, ווַייל עֶר הָאט גֶעקֶענְט דָאס הַארְץ פוּן ר' נַחְמָן ווִי שְׁטַארְק עֶר בְּרֶענְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז פוּן גְרוֹיס בְּרֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן רוֹב הַרְגָּשׁ אִין דִי דִּבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, צוּדֶערְצוּ אוֹיךְ דִי אֵימָתָא דְצִיבּוּרָא, קֶען עֶר אוֹיפְהֵייבְּן זַיין קוֹל צוּ הוֹיךְ אוּן עֶס קֶען אִים שֶׁעדִיגְן ח"ו. מִיט-דֶעם-אַלֶעם נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן ר' נָתָן הָאבְּן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ צַאמְגֶענוּמֶען אִים יָא מְמַנֶּה זַיין פַאר אַ חַזָן יָמִים נוֹרָאִים. עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר, אוּן דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען פְלֶעגְט הָאבְּן וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן,

(כּוֹכְבֵי אוֹר ו' מ"ח)

אוֹיךְ דֶער גְבִיר ר' אַבָּא ז"ל פוּן טְשֶׁעהְרִין הָאט אֵיינְמָאל מוֹכִיחַ גֶעוֶוען זַיין אֵיידִים ר' אַבְרָהָם יֵיבִּין פַארְוָואס עֶר פָארְט נִישְׁט אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מִיר זָאלְן נָאר פָארְן קֵיין אוּמַאן צוּ הֶערְן דִי דַאוֶוענֶען פוּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער בַּיי מוּסָף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז שׁוֹין כְּדַאי דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה. אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן אוּמַאן אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְדִים פְלֶעגְן זִיךְ אָפְּוואוּנְדֶערְן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט זַיין זִינְגֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶל וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל ווִילְד אוּן הָאט לִיבּ גֶעהַאט צוּ מַאכְן שְׁפִּיצְלֶעךְ, אַזוֹי ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אִיז דֶער אִינְגֶל אַרַיינְגֶעלָאפְן פְרַייטָאג צוּפְרִי אִין דִי בְּרֶסְלֶבֶער קְלוֹיז אוּן גֶענוּמֶען אִיבֶּערְקֶערְן אַלֶע בֶּענְק וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שֵׁיין מְסֻדָּר גְרֵייט צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. ר' נַחְמָן וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַבַּאי פוּן קְלוֹיז אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִינְגֶל, עֶר הָאט אִים לִיבְּלִיךְ אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "דַארְפְסְט אֶפְשָׁר הִילְף, זָאל אִיךְ דִיר הֶעלְפְן?" דֶער אִינְגֶל וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעוִויס אַ ווַאוּיל קִינְד, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רִיכְטִיגֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִים הֶעלְפְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ רִיכְטִיג אַוֶועקְשְׁטֶעלְן, הָאט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶ' נַחְמָן זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, עֶר הָאט בַּאלְד אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט זַיין ווִילְדֶע שְׁטִיק. ר' לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט אַז פוּן דֶעמָאלְטְס אָן פְלֶעגְט עֶר זַיין זֵייעֶר נָאנְט צוּ ר' נַחְמָן זַצַ"ל אוּן אִיבֶּערְגֶערֶעדְט מִיט אִים אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים.


**צו אלע טייערע קינדער פון חוץ לארץ,**
**בפרט די קינדער וואס וואוינען אין**

## ניו יארק ~ ניו דזערסי ~ קאנאדע

**מיר האבן צוגעלייגט א לאקאלע נומער, צו קענען ענטפערן די בחינות אויפן הייליגן ספר סיפורי מעשיות.**

**מען האט יעצט געמאכט א סיום אויפן ספר און בעז"ה די וואכן איז דא בחינות אויף די רמזים פון סוף סיפורי מעשיות און אפאר וואכן ארום הייבט מען אן פריש דעם ספר.**

**דער לאקאלער נומער איז**

**646-518-1095**

**אלע קינדער וועלכע שרייבן זיך איין אינעם טעל-ליין אין די קומענדיגע צוויי וואכן וועלן אריינגיין אין א גורל פאר א מתנה!**



## מודעה חשובה

**פאר אלע טייערע קינדער וואס האבן זיך אנגעזאמלט**

**הונדערט נקודות און העכער**

**בעז"ה אין די קומענדיג וואכן ווארט אייך אפ א הערליכע מתנה!**

# לגמור זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות "רמזים"



די וואך איז א אינטערסאנטער בחינה, עס איז נישט אויף קיין מעשה, נאר אויף די רמזים וואס שטייען נאך די מעשיות. אבער, דו וועסט דארפן אויך לערנען די לשון קודש ווייל אסאך רמזים שטייען נישט אין די אידישע אפטייטש.

**א. איז געווען גרינג פאר'ן רבי'ן צו דערציילן די מעשה פון די זיבן בעטלערס ?**
- ❑ גרינג
- ❑ שווער
- ❑ זייער שווער

**ב. איז אין די מעשה דא א כוונה אין יעדע ווארט אדער נאר אין יעדע ענין?**
- ❑ אין יעדע ווארט
- ❑ אין יעדע ענין
- ❑ אין יעדע בלאט

**ג. וואס פון די מעשה האט דער רבי נישט דערציילט?**
- ❑ וואס ס'איז געווען די זיבעטע טאג
- ❑ וואס איז געווארן מיט דער בן מלך וואס מ'האט אים איבערגעגעבן די מלוכה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט דער רבי אויב וואלט ער נאר געוואוסט די מעשה?**
- ❑ ער האט נישט גערעדט פון דעם
- ❑ וואלט איך אויך געווען א חידוש
- ❑ וואלט איך אויך א ווילד חידוש געווען

**ה. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשה?**
- ❑ אז ס'איז א חידוש
- ❑ אז ס'איז א ווילד חידוש
- ❑ אז ס'איז זייער א ווילד חידוש

**ו. וואס זאגט דער רבי אז ס'איז דא אין די מעשה?**
- ❑ אסאך תורות
- ❑ זייער פיל מוסר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וועלכע צדיק האט דער רבי געזאגט אז ער איז מרומז אין דער דריטער טאג?**
- ❑ דוד המלך ע"ה
- ❑ שלמה המלך ע"ה
- ❑ שאול המלך ע"ה

**ח. מיט וועלכע זאך זאגט דער רבי אז ער איז מרמז אויף דעם צדיק?**
- ❑ די קוואל
- ❑ די הארץ פון דער וועלט
- ❑ דער אמת'ר איש חסד

**ט. אויף וועלכע מעשה זאגט דער רבי אז ס'איז גרעסער פון אלע מעשיות וואס ער האט דערציילט?**
- ❑ די מעשה פון חכם ותם
- ❑ די מעשה פון בעל תפלה
- ❑ די מעשה פון די זיבן בעטלערס

***י. בונוס: אין וועלכע קאפיטל פון תהלים איז מרומז סודות פון די מעשה?*** *(קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)*
- ❑ *אין קאפיטל ס'*
- ❑ *אין קאפיטל ס"א*
- ❑ *אין קאפיטל פ"א*

***יא. בונוס: אין וועלכע ווערטער איז מרומז דער אמת'ר איש חסד?*** *(קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)*
- ❑ *ימים על ימי מלך*
- ❑ *חסד ואמת מן ינצרהו*
- ❑ *כן אזמרה שמך לעד*

***יב. וויפיל מאל איז דא די ווארט שמחה \ פרייליך וכד' אין די מעשה?***
- ❑ *40*
- ❑ *49*
- ❑ *148*

**יג. וויפיל מעשיות איז דא אין סיפורי מעשיות?**
- ❑ 12
- ❑ 13
- ❑ 14

**יד. וואס איז דער סדר פון די מעשיות?**
- ❑ זיבן בעלטלערס
- ❑ אבידת בת מלך
- ❑ חכם ותם
- ❑ רב ובן יחיד
- ❑ בעל תפילה
- ❑ מלך ענו
- ❑ בן מלך שהיה מאבנים טובות
- ❑ החיגר
- ❑ מבערגער ועני
- ❑ מזבוב ועכביש
- ❑ בן מלך ובן שפחה שנתחלפו
- ❑ מלך שגזר שמד
- ❑ ממלך וקיסר

***טו. בונוס: אויף וועמען זאגט דער רבי אז ער ווארט אויף אנגערופן בת מלך?*** *(קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)*
- ❑ *די גרויסע צדיקים*
- ❑ *די תלמידי חכמים*
- ❑ *די הייליגע נשמה פון יעדן איד*

***טז. בונוס: דורך וואס איז דער עיקר רפואה פון די בת מלך?*** *(קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)*
- ❑ *דורך נגינה*
- ❑ *דורך שמחה*
- ❑ *דורך נגינה און שמחה*

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו - מיט פיל הצלחה**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**
**קלינג:**
**02-5-3333-72**
**646-518-1095**

**צו מנדב זיין פאר דער גליון**
**לכבוד א שמחה / לע"נ**
**ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן**
**058-323-3287**
L3233287@gmail.com

**נתנדב ע"י אברך החשוב הרוצה בעילום שם לע"נ הרה"ק מצאנז זי"ע**

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

הֶעלְף מִיר דוּרְכְן זָאגְן תְּהִלִּים אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ מַיין אוֹת אוּן טוֹ'עֶר פוּן תְּשׁוּבָה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר מַיין נֶפֶשׁ לוֹיט מַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת פוּן דִי שִׁבְטֵי יָ-הּ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר מִיט אַן אֱמֶת אוּן אַ גַאנְצֶע הַארְץ דִיר צוּ דִינֶען מִיט יִרְאָה אוּן אַהֲבָה, בְּשִׂמְחָה בְּטוּב לֵבָב. הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי" אָמֵן וְאָמֵן:

